ליובאן

דער באָדן פון אונדזער קליין שטעטל איז דאָס אייגנטום פון פירעט וויטגענשטיין. און פון גאָר אַמאָל אָן האָט יעדער געצאָלט אַ געוויסן יערליכן אָפּצאָל פאַרן באַנוצן זיך מיטן באָדן. מיט 20 יאָר צוריק איז געקומען דעם פירשטס אַ אָנגעשטעלטער און געמאָלדן אַז פון היינט אָן און ווייטער וועלן מיר צאָלן 2 מאָל אַזוי פיל ווי פריער.

אייניקע האָבן אָפילו ניט געוואָלט הערן וואָס ער רעדט, אָבער מערסטנטייל פון די איינוווינער האָבן זיך אונטערגעשריבן, אַז זיי זענען איינשטימיק. דערנאָך האָבן זיי חרטה געהאָט. — — — זענען געשריבן געוואָרן ביטעס אַהער און אַהין, מ'איז געפאָרן קיין מינסק און זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַדוואָקאַטן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. דער רעגירונגס אָנגעשטעלטער, האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, מ'מוז באַצאָלן.

דערווייל זענען דורכגעלאָפן צוואַנציק יאָר.

מיט א פאָר טעג צוריק איז געקומען דער פריסטאָוו פון הלוסק און געמאָלדן, אַז לויטן פסק־דין באַטרעפט דער חוב איבער צוויי טויזנט רובל. אין פאַל דאָס געלט וועט ניט באַצאָלט ווערן אין צייט — וועלן אונדזערע הייזער פאַרקויפט ווערן. יעדער הויז מוזן באַצאָלן פון 40 ביז 50 רובל אויב ניט מער.

וווּ זשע זאָל מען נעמען דאָס געלט?

דער חוב מוז באַצאָלט ווערן אין פאַרלויף פון 30 טעג. די לאַגע איז אַ שווערע און אַ ביטערע.

(„המליץ", נומער 54, 1884)

חנה אסף / הרב ר' נחמיה יערוזאלימסקי

מיין פאָטער ז"ל איז געווען אַ רב אין ליובאָן. אנשי ליובאָן האָבן אים זייער געליבט און געאַכטעט. איבערהויפּט איז ער געווען טייער און פּאָפּולער ביי דער יוגנט. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף דין־תורות. צו אים פלעגט מען זיך ווענדן אַפילו פון סלוצק, באָברויסק, הלוסק א"אַ. אויך קריסטן, דער גלח, דער דאָקטאָר, דער פּאָסט־באַאַמטער האָבן געלעבט מיט אים בידידות און גערעכנט זיך מיט זיין מיינונג.

מיין פאָטער איז געווען זייער קלוג, אַ בעל־מידות מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. איך געדענק, ווי איין מאָל, שבת, קומענדיק פון שול, האָט ער געטראָפן זיין מוטער טויט. גע־מאַכט קידוש, געזונגען זמירות און נאָכן עסן געלערנט ווי זיין שטייגער. מוצאי־שבת זיך געזעצט שבעה, ביטער געוויינט און באַקלאָגט זיין מוטער.

יעדן טאָג פלעגט ער אויפשטיין 3 אַזייגער פאַרטאָג און געזעצט זיך לערנען. אָנגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר און ביי אַ קאָכיקער גלאָז טיי זיך געוואָרעמט און געהיצט ביים לערנען אַ בלאַט גמרא.

פריער איז ער געווען רב אין שעמעזעווע.

פון זיין נאַטור איז ער געווען דעמאָקראַטיש געשטימט, באַשיידן, אָבער אַ לוסטיקער און אַ פריילעכער. פּורים איז ביי אונדז געווען ששון ושמחה. דאָס שטעטל האָט געשיקט דעם רב משלוח־מנות ביד רחבה. מ'האָט געטאַנצט און געזונגען,

הרב ר' נחמיה ירושלמי (יערוזאלימסקי)

געטרונקען וויין און זיך משמח געווען. פאַרזוכט עפּעס און דער טאַטע פלעגט ווערן בגילופין און שפּאַסנדיקערהייט זיך געוויצלט אָן אויפהער.

שפּעטער איז געקומען קיין ליובאָן נאָך אַ רב, האָט זיך

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
סלוצק - פנקס סלוצק ובנותיה ספר קהילה עמוד מס: 438 הודפס ע"י אוצר החכמה

אנגעפאַנגען אַ מחלוקת. אין די עקן און ווינקלעך פון דער באַנק אין מיזרח פון שול, זענען געזעסן בײדע רבנים. מײן פאָטערס אָנהענגער האָבן אָפּגעזעצט דעם עק פון באַנק, וווּ ס׳איז געזעסן דער צווייטער רב. האָט מײן פאָטער זיי אויסגעמוסרט. אָם ענדע איז מײן פאָטער געבליבן דער אײנציקער רב פון שטעטל. קהל האָט אויסגעבויט פאַר אים אַ שטוב פון 7 צימערן — אַ רחבותדיקע דירה, אַ בית־דין־חדר און אַ התבודדות־צימער.

3 שולן זענען געווען אין שטעטל: די קאַלטע־שול, שנײדער־שול און בעלעבאַטישע שול.

ליובאַנער גאַסן: די ברייטע גאַס, די שמאָלע גאַס, די ציגײנערשע גאַס, שול גאַס, דעם רבס געסעלע.

דער מאַרק איז באַשטאַנען פון פאַרשײדענע קראָמען, ר׳ זלמן ברוכס שניט־קראָם, באַשע מלכהס באַקאַלײנע־קראָם און נאָך אַנדערע.

די אורעטשער און טאַליער גאַסן זענען געווען פאַרפלאַנצט מיט ביימער.

אויפן מאַרק האָבן געוווינט די חשובע בעלי־בתים, ווי זלמן ברוך דעם רבס, יאשיה דעם רבס, משה וועלוול, לייב־וואָלף, מײן מאַנס פאָטער ז״ל, שײנע לאה די בעלהביתטע פון מיל, יעקב קאַצענעלסאָן, סטרעלעץ, איטשע דער רופא, חיים בערל, פײטל דער אַפּטײקער, מרדכי אהרון דער שניט־קרעמער, אהרון דער שרײבער און די פּאָסט־קאַנטאָר.

אונדזער מוטער איז געווען אַ אשת חיל, געשפּונען פלאַקס, געבאַקט ברויט און פאַרשײדענע געבעקס, געקאָכט אַלערלײ געקעכצן, געמאָלקן די בהמה, געמאַכט קעז און פּוטער.

איך געדענק די גרויסע שריפה. מ׳זאָגט, אַז גויים האָבן אונטערגעצונדן. דאָס שטעטל איז אינגאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן. פון אונדזער שטוב זענען נאָר פאַרבליבן די קופּערנע פענדלעך, סאַמאָוואַרן און מעטאַלענע טעפּ. אונדזער פאָטער האָט זיך אַרײנגעזעצט אין אַ וואָגן, געפאָרן קײן אורעטשע און טאַל, געקליבן ברויט און זאַכן פאַר אנשי ליובאַן.

מײן קלוגער פאָטער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף מײן ציקונפטיקן מאַן הרב פּראָפעסאָר שמחה אסף ז״ל. ער האָט אים מקרב געווען, ווען ער איז געקומען פון טעלזער ישיבה



אוצר החכמה

די לוויה פון הרב שמחה אסף אין ירושלים י׳ חשון תשי״ד (1953)

חנה אסף

צו זיינע עלטערן אין ליובאַן. שמחה אסף פלעגט קומען יעדן טאָג צו אונדז לערנען צוזאַמען מיטן טאַטן. דער טאַטע האָט געזען אַז פון דעם יונגנמאַן וועט אַרויסקומען אַ גדול בישראל, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט אַמאָל אין אונדזער אַנוועזנהייט אַ זאָג געטאָן: „שמחה, ביסטו איינשטימיק הייראַטן מיין טאָכטער חנה?" אַזוי איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן, געגלויבט אויפן וואָרט, אַפילו ניט געשריבן קיין תנאים.

לאַנג איז געווען אונדזער וועג ביז מיר זענען געקומען קיין ארץ־ישראל. געוווינט אין אָדעס אין שכנות מיטן גרויסן דיכטער ביאַליק ז״ל. מיינע ברידער האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע. ווען מיין פאָטער איז געפאָרן אין אָמאַהאַ נעבראַסקא זען זיך מיט זיינע קינדער, האָט מען אים פאָרגעלייגט פאַרבלייבן דאָרטן אַלס רב און טאַקע באַקומען אַ כתב־רבנות. ער האָט געשריבן אונדזער מוטער זי זאָל קומען אַהין און פאָרגעלייגט שמחהן, מיין מאַן, ער זאָל איבערנעמען די רבנות אין ליובאַן. אַבער פון דעם אַלעמען איז גאָרנישט געוואָרן, און סוף כל סוף, נאָך פאַרשיידענע גלגולים, איז ער אַנגעקומען קיין ארץ־ישראל. די קינדער פון אַמעריקע האָבן געקויפט פאַר אים אַ הויז אין ירושלים.

ער איז נפטר געוואָרן אין אַ גוטער עלטער (76 יאָר) מיט אַ שיינעם נאָמען אין ירושלים עיר הקודש.

בנימין וואלפסאן / שחיטות און הריגות

אין אָנפאַנג פונ׳ם יאָר תרפ״א (1921), ווען פוילן און רוסלאַנד האָבן אָפּגעלייגט דאָס געווער און דעלעגאַטן זענען זיך צונויפגעקומען אויסצוגלייכן זייערע סכסוכים און באַשטימען גרענעצן, איז צווישן זיי געבליבן אַ נייטראַלער פאַס אָן אַ צענטראַלער מאַכט פאַר אָרדנונג און שוץ. די פּאָליאַקן האָבן זיך פאַרמאַכט אין זייער אייגענעם תחום און די סאָוויעטן־מאַכט איז נאָך ניט געווען אָרגאַניזירט. אַזוי אַרום האָבן דאָרטן געהערשט באַלאַכאָוויטשעס באַנדעס, גערויבט און געמאָרדעט יידן אין דערפער און שטעטלעך. דעם 17־טן כסלו תרפ״א, האָבן מיר זיך דערוווּסט, וועגן הריגות אין די אַרומיקע דערפער, מיר האָבן גוזר תענית געווען. פאַרן לייענען איז אַרויף אונדזער רב אויפן בימה און האָט אויסגעשריען מיט אַ ביטערן געוויין: ברידער! אַ שלעכטע בשורה! אין קוזמיץ האָט מען דערהרגעט דעם שוחט און עטלעכע יידן אין אַנדערע דערפער. נאָכן דאַווענען איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע באַטראַכטן די לאַגע. פאַר מורא צו פאָרן האָט מען די הרוגים ניט געקענט ברענגען. ערשט חנוכה האָט מען געפועלט ביים רעווקאָם, ער זאָל שיקן אַ באַפעל צו די קריסטן, זיי זאָלן ברענגען די הרוגים. אַזוי איז געווען, מ׳האָט זיי געבראַכט און מיר האָבן זיי מקבר געווען שטילערהייט. נאָך חנוכה האָט מען געבראַכט נאָך הרוגים פון דער געגנט. אַזוי האָט פּאַסירט אויך אין אַנדערע שטעטלעך. אויף יעדן בית־עולם זענען צוגעקומען פרישע קברים פון קדושים. אונדזער אויבנדערמאָנטע קאָמיסיע, האָט אויסגעפונען נאָר איין מיטל: בעטן ביי דער מאַכט אַריינשיקן סאָלדאַטן אין שטעטל, מ׳האָט טאַקע אַריינגעשיקט 2 שטראָף־אָפּטיילונגען צו כאַפּן באַנדיטן און דעזערטירן. די סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען דעם בית־מדרש אַלס אַרעסט־הויז. דאָס האָט נאָך מער אויפגערייצט די קריסטלעכע באַפעלקערונג און פאַרגרעסערט זייער האַס קעגן יידן. די יידישע באַפעלקערונג האָט צו דעם נאָך געמוזט אויסהאַלטן די סאָלדאַטן. אַ סלעדאָוואַטעל איז אָנגעקומען, ער האָט געזויגן יידיש בלוט, אַרויפגעלייגט גרויסע אָפּצאָלונגען אויף יידן, און די באַנדיטן פלעגט ער באַפרייען פאַר געלט. ער פלעגט אַרעסטירן אומשולדיקע, דורך דעם איז נאָך מער פאַרגרעסערט געוואָרן דער צאָרן פון די קריסטן. פאַר פורים זענען די סאָלדאַטן אַוועק, פלעגט אַ ייד ניט קענען אַרויספאָרן פון שטעטל. די גרויסע נויט פלעגט אַמאָל צווינגען אַ יידן אַריינצופאָרן אין אַ דאָרף, האָט מען אים צעראַבירט אָדער געהרגעט. די געציילטע יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין דערפער פלעגט מען באַפאַלן און אומברענגען זיי. נאָכדעם אַז ס׳זענען דערמאָרדעט געוואָרן פאַר פסח עטלעכע יידן אין די נאָענטע דערפער, זענען די איבעריקע געקומען אין ליובאַן, כאָטש אין שטעטל איז מען אויך ניט געווען זיכער. פסח צום סדר זענען שומרים אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, מ׳האָט אָרגאַניזירט אַ שטיקל שמירה אין יעדער גאַס. די יוגנט האָט זיך אָרגאַניזירט מיט אַביסל געווער שטילערהייט. דער לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט. נאָך פסח זענען די רייכערע יידן אַרויסגעפאָרן פון שטעטל און די אָרעמע האָבן אַפילו אויף אַ פור ניט געהאַט.

פאַר ל״ג בעומר האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען וועגן אַ

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
סלוצק - פנקס סלוצק ובנותיה ספר קהילה עמוד מס: 440 הודפס ע״י אוצר החכמה